View in browser

קניידל
טעגליכע פּאָרציע נייעס.

זונטאג פנחס - תענית שבעה עשר בתמוז תשפ״ה | קניידל #449

קניידל אבזערוואציעס

נתניהו ענדיגט באזוך אין אמעריקע אן דערגרייכן אפמאך

מדנ"י - פרעמיער מיניסטער נתניהו האט זיך דעם פרייטאג צוריקגעקערט קיין מדנ"י נאך א פיר טאגיקער באזוך אין אמעריקע, וואו ער האט פראבירט צו פארהאנדלען פאר א משכונות אפמאך און א עזה פייער-אפשטעל.

דורכאויס זיין באזוך האט ער זיך צוויי מאל געטראפן מיטן אמעריקאנער פרעזידענט טראמפ אין ווייסן הויז, און מיט אנדערע הויכראנגיקער אמעריקאנער רעגירונגס באאמטע. נתניהו'ס אפיס זאגט אז אלע ערווארטעטע צילן פון דעם באזוך זענען דערגרייכט געווארן, כאטש וואס ער האט זיך צוריקגעקערט אן דערגרייכן אן אפמאך.

אין אן אינטערוויאו מיט 'ניוזמעקס' איידער ער האט פארלאזט אמעריקע, האט נתניהו אויסגעדרוקט האפענונג צו ענדיגן דעם משכונות אפמאך אין עטליכע טעג. "20 פון די משכונות זענען זיכער לעבעדיג, און די אנדערע 30 זענען ווארשיינליך שוין נישט ביים לעבן, און איך וויל זיי אלע ארויסנעמען," האט נתניהו געזאגט, צולייגנדיג אז "די קריג קען זיך ענדיגן מארגן אדער היינט אויב כאמאס לייגט אראפ אירע וואפן."

סענאט קאמיטע באשטעטיגט $500 מיליאן הילף פאר אוקראינע

וואשינגטאן - די סענאט ארמיי קאמיטע האט באשטעטיגט מיט א 26 קעגן 1 אפשטימונג $500 מיליאן אין זיכערהייט הילף פאר אוקראינע אלס טייל פון איר 'נאציאנאלע פארטיידיגונג אויטאריזאציע אקט' פאר יאר 2026.

די נאציאנאלע פארטיידיגונג אויטאריזאציע אקט איז א יערליכע פאליסי רעכענונג וואס אויטאריזירט פינאנצן פון די אמעריקאנער מיליטער. עס איז געצילט צו זיכער מאכן אז די אמעריקאנער מיליטער פארמאגט די נויטיגע וואפן צו דורכפירן מיסיעס, און ווערט צווישן אנדערע אבזערווירט דורך וואפן פאבריקאנטן, א שטייגער ווי לאקהיד מארטין און באואינג.

איי.די.עף זאגט זי האט "געלערנט לעקציעס" נאכן עפענען פייער אויף עזה איינוואוינער נעבן הילף צענטערן

מדנ"י - די איי.די.עף זאגט אז זי "האט געלערנט לעקציעס" נאך אן אויספארשונג איבער באריכטן פון "שאדן צו ציווילע," נאך וואס די יו.ען האט געזאגט אז כמעט 800 מענטשן זענען געהרגעט געווארן ביים פראבירן צו באקומען עסן אין עזה זינט חודש מאי.

"נאכפאלגנדיג אינצידענטן אין וואס ציווילע זענען געשעדיגט געווארן ביים אנקומען צו עסן פארטיילונג פונקטן, זענען דורכגעפירט געווארן גרינטליכע אויספארשונגען, און אנווייזונגען זענען געגעבן געווארן פאר די ארבעטער נאכן לערנען לעקציעס," האט די איי.די.עף געמאלדן, צולייגנדיג אז די אינצידענטן זענען אונטער איבערזיכט.

די יו.ען מענטשן רעכטן אפיס ווארטזאגער פרוי ראווינא שאמדאסאני האט געזאגט אז כאטש 798 מענטשן זענען רעקארדירט געווארן פון מאי 27 ביז יולי 7, אריינגערעכנט 615 דערפון נאנט צו עסן פארטיילונגס ערטער געפירט דורך די עזה הומאניטערישע פאונדעישאן.

סעקרעטערי אוו סטעיט רוביא אפגעהאלטן "פאזיטיווע" געשפרעכן מיט כינעזער אויסערן מיניסטער

אזיע - דער אמעריקאנער סעקרעטערי אוו סטעיט מארקא רוביא האט געמאלדן אז ער האט אפגעהאלטן פאזיטיווע געשפרעכן מיטן כינעזער אויסערן מיניסטער וואנג יי, אין א צייט וואס די צוויי מאכטן האבן פראבירט צו פאראויסרוקן זייערע אגענדעס ביי א סאמיט אין מאלאזיע צווישן דרום-מזרח אזיאטישער לענדער.

דער הויפט אמעריקאנער דיפלאמאט, רוביא, איז געווען אין מאלאזיע אויף זיין ערשטע רייזע קיין אזיע זינט ער האט איבערגענומען דעם אמט. ער איז אויסגעשטאנען קריטיק דורך לענדער ביים סאמיט אין ליכט פון פרעזידענט טראמפס שטרענגע טאריפס.

דער כינעזער אויסערן מיניסטער וואנג יי האט אויסגענוצט דעם סאמיט צו אטאקירן די אמעריקאנער טאריפס, און דאס באצייכנט אלס "טיפישע איין-זייטיגע אויפפירונג", אבער ביידע זייטן האבן באטאנט אז די זיצונג איז געווען פאזיטיוו און א טריט פאראויס צו בעסערע קאאפעראציע.

קניידל ביסן



מדנ"י - זעקס הויכראנגיקער אפיצירן פון כאמאס'ס ים-קאמאנדא איינהייט זענען עלימינירט געווארן אין א סעריע פון אפעראציעס די לעצטע צייט אין דעם עזה פאס, האט די איי.די.עף געמאלדן. די מיליטער זאגט אז די אפעראציעס זענען דורכגעפירט געווארן דורך די מדנ"י ים-פלאטע, דער דרום קאמאנד און מיט די הילף פון די ש"ב.

האיטי - כמעט 5,000 מענטשן זענען געהרגעט געווארן אין האיטי זינט אקטאבער 2024 דורך באוואפנטע באנדעס, לויט א פרישע באריכט דורך די יו.ען קאמישאנער פאר מענטשן רעכטן. די מערסטע אינצידענטן איז פארגעקומען ארום דער הויפטשטאט פארט-או-פרינס. צענדליגער טויזנטער איינוואוינער זענען פארטריבן געווארן פון זייערע הייזער דורך די באנדעס.

איראק - דרייסיג מיטגלידער פון די קורדישע פּי.קעי.קעי. מיליטאנטן האבן פארברענט זייערע וואפנס אין צפון איראק דעם פרייטאג, אין א סימבאלישער און באדייטנדע טריט פאראויס צו ענדיגן א יארן-לאנגע אויפשטאנד קעגן טערקיי. די עפנטליכע צערעמאניע איז אפגעהאלטן געווארן מיט די באטייליגונג פון פילע מענטשן און טעלעוויזיע באריכטער, אזוי אויך איז געווען אנוועזנד איראקער און טערקישע באאמטע.

וואשינגטאן - די אמעריקאנער סטעיט דעפארטמענט האט דעם פרייטאג אנגעהויבן צו אפזאגן מער ווי 1,350 ארבעטער, אין א צייט וואס די טראמפ אדמיניסטראציע רוקט זיך פאראויס מיט אגרעסיווע ארבעטער שניט. דעמאקראטישע פאליטיקאנטן האבן שארף פארדאמט די פרישע ארבעטער שניטן, זאגנדיג אז דאס וועט אפשוואכן די אמעריקאנער מעגליכקייטן צו פארטיידיגן און פאראויסרוקן אינטערעסן אין אויסלאנד.

מיטל מזרח - די איראנער אטאקע אויף דער אל אודעיד לופט באזע אין קאטער האט געשעדיגט א וויכטיגע $15 מיליאן קופאל גענוצט דורך די אמעריקאנער מיליטער פאר זיכערע קאמיוניקאציע, ווייזן סאטעליט בילדער אנאליזירט דורך עי.פי.; די אמעריקאנער מיליטער און קאטער האבן נישט רעאגירט אויף די באריכט, און קומט נאך וואס דער הויפט אמעריקאנער פרעזידענט טראמפ האט געזאגט אז קיין איין איראנער מיסיל האט באטראפן דעם באזע.

מדנ"י - א ניו יארק טיימס באריכט דערציילט אז דער מדנ"י פרעמיער מיניסטער נתניהו האט אינפארמירט דעם ארטאדאקסישן געזעץ-געבער משה גפני איבער די געפלאנטע מיליטערישע אטאקע אויף איראן עטליכע טעג איידער די קריג האט זיך אנגעהויבן, פראבירנדיג דערמיט אים צו איבערצייגן צו אפלאזן סטראשונגען צו אויפלעזן די כנסת צוליב פאליטישע קאנפליקטן.

פינאנציעלע קניידל

ווייסע הויז באשולדיגט אז פאועל האט ליגנט געזאגט פארנט פון קאנגרעס איבער איבערבוי פראיעקט



די ווייסע הויז בודזשעט אפיס האט ארויסגעשטעלט באשולדיגונגען אויף די פעדעראל רעזערוו פרעזידענט דזשיראום פאועל, זאגנדיג אז ער טוט נישט גוט פארוואלטן אויף די צענטראלע באנק'ס פינאנצן און אז ער האט ליגנט געזאגט פארנט פון קאנגרעס איבער די געפלאנטע $2.5 ביליאן דאלאר'דיגע פראיעקט צו פארשענערן איר הויפטקווארטיר.

די אפיס וועט עפענען א אויספארשונג אויף די פלענער וואס נעמען אריין דאס בויען אומנייטיגע פריוואטע עלעוועיטארס פאר איינגעשטעלטע און רייכע מארבל שטיינער צווישן אנדערע קענטיגליכע איינריכטונגען. די פראיעקט האלט שוין $700 מיליאן איבער די בודזשעט און די קאסט פאר סקווער פיס שטייט דאפלט פון אנדערע רעגירונג איבערבוי פראיעקטן.

דאס טוט שטארק העכערן די פאליטישע דרוק אויף פאועל וואס טראמפ בייזערט זיך אז ער וויל נישט שניידן די אינטערעסט ראטעס. די דירעקטאר פון די פעדעראל הויזינג פינאנץ אגענטור - א אויסגעשפראכענע קריטיקירער פון פאועל - האט געשריבן אז ער איז גאר פריילעך צו הערן אז פאועל באטראכט צו רעזיגנירן. עס איז אומקלאר פון ווי ער נעמט די אינפארמאציע.

טראמפ מעלדט פרישע 35% טאריפס אויף קאנאדישע אימפארטן

פרעזידענט טראמפ האט געשיקט א בריוו צו די קאנאדישע פרעמיער מיניסטער מארק קארני ווי ער מעלדט אים איין איבער די פרישע אמעריקאנער טאריפס פון 35% אויף אלע קאנאדישע פראדוקטן.

די נייע טאריפס זענען עקסטער פון די פריערדיגע ספעציפישע טאריפס, ווי די 50% אויף קאנאדישע שטאל און אלומיניום, און וועלן זיך אנהייבן אוגוסט 1 מיטן אויסנאם פון סחורה וועלכע פאלן אונטער די יו-עס-מעקסיקאו-קאנאדע האנדל אפמאך פון 2018.

טראמפ האט ווידער באהויפטעט אז דאס איז א שטראף וויבאלד קאנאדע טוט נישט גענוג צו פארמיידן די פלוס פון די גאר שעדליכע פענטאניל דראג קיין אמעריקע דורך אירע גרענעצן, און געזאגט אז ער וועט באטראכטן צו נידערן די טאריפס אויב וועט קאנאדע ארבעטן מיט אים צו לעזן די פראבלעם.

טראמפ האט געווארנט קאנאדע אז אויב וועלן זיי שטעלן נקמה טאריפס וועט ער העכערן די טאריפס אויף זיי מיט דעם זעלבן ציפער.

אמעריקע האט געהאנדלט מיט קאנאדע $762 ביליאן ווערד פון סחורה אין 2024, און די האנדל דעפיציט איז געשעצט ביי $62 ביליאן לויט אמעריקאנער צענזוס דאטא.

Affiliated with a team of professional accountants
CASH BOOST
INCREASE YOUR BUSINESS CASH FLOW WITH PRECISE LOANS AND LINES OF CRE
OUR IN-HOUSE CPA'S AND CREDIT PROFESSIONALS WILL ENSURE THAT YOUR APPLICATION IS APPROVED AND THAT YOU RECEIVE MAXIMUM FUNDS.
Levy Leifer
Business Funding Specialist
FUNDI
Business Loans - Lines Of Credit
347.455.8536
Levy@fundipros.com

געזונטע קניידל

וואלמארט געשטעלט ריקאל אויף שטאלנעם וואסער פלעשער נאך וואס צוויי מענטשן זענען געשעדיגט געווארן

וואלמארט האט ארויסגעשטעלט א ריקאל אויף ארום 850,000 שטאלנעם וואסער פלעשער נאך וואס צוויי מענטשן זענען געשעדיגט געווארן ווען דער דעקל האט זיך אפגעבראכן פון דעם פלאש און האט געשעדיגט זייערע אויגן.

די פלעשער אונטער די ריקאל זענען פארקויפט געווארן אין וואלמארט געשעפטן ארום די וועלט זינט 2017, לויט א מעלדונג דורך די אמעריקאנער קאנסומער פראדוקט זיכערהייט קאמיסיע.

נאווארטיס באקומען באשטעטיגונג פאר ערשטע מאלאריע מעדיצין פאר ניי-געבוירענע קינדער

די מעדיצין פאבריקאנט נאווארטיס האט באקומען רעגולאטורישע באשטעטיגונג פאר דער ערשטער מאלאריע מעדיצין פאר ניי-געבוירענע קינדער, וועלכע האבן נישט געהאט קיין ספעציפישער באהאנדלונג ביז יעצט.

רעגולאטורן אין שווייץ האבן באשטעטיגט די פירמעס מאלאריע באהאנדלונג פאר קינדער איבער צוויי חדשים אלט. אכט אפריקאנער מעדיצינישער רעגולאטורן זענען ערווארטעט ארויסצוגעבן זייערע אייגענע באשטעטיגונגען פאר די מעדיצין, נאכפאלגענדיג דעם באשטעטיגונג דורך שווייץ.

כ'וויל אים שוין זאגן צוויי יאר
אבער כ'פיל נישט באקוועם מיט אים ווען ס'קומט צו אונזער שלום בית.
לאמיר עס אויסארבעטן
מסכים
845.751.9521

לאקאלע קניידל

אכט פארוואונדעט אין עם-טי-עי באס עקסידענט אין קווינס

ניו יארק סיטי - אכט מענטשן זענען פארוואונדעט געווארן און אריינגעפירט געווארן אין שפיטאל נאך אן אינצידענט דעם פרייטאג צופרי ווען א עם.טי.עי באס האט זיך צוזאמגעקראכט אין א טראפיק-ליכט-שטאנג אין קווינס.

די עקסידענט האט פאסירט ביי 57סטע ראוד און מעין סטריט ארום 6:00 פארטאגס. זיכערהייט קעמעראס ווייזן ווי דעם שטאטישן באס רייזט אויף מעין סטריט, ווען מיטאמאל האט זיך עס פארקירעוועט און אריינגעקראכט מיט א שטארקע אימפאקט אין דעם שטאנג.

אידישע קניידל

אור-אייניקל פון האלאקאוסט איבערלעבער אויף ליסטע פון "100 מערסט איינפלוסרייכע אויפן אינטערנעט"

TIME100
Creators
Dov Forman

אן אידישע אור-אייניקל פון דעם באקאנטע האלאקאוסט איבערלעבער פרוי לילי עבערט איז אנערקענט געווארן דורך די פרעסטיזשפולע 'טיים' מאגאזין אלס איינע פון די 100 מערסט איינפלוסרייכע מענטשן אויפן אינטערנעט.

דוב פריעדמאן, 21 יאר אלט, איז געווארן גאר בארימט נאך וואס ער האט געשריבן "לילי'ס צוזאג", צוזאמען מיט זיין עלטער באבע, וואס האט איבערגעלעבט אוישוויץ און זיך באזעצט אין ענגלאנד.

דוב האט אנגעהויבן פארשפרייטן די געשיכטע אויף סאציאלע מידיע, מיט ציל צו דערציילן פאר די וועלט די בארבארישע אכזריות פון די דייטשן. ער האט באוויזן צו ציען מער ווי צוויי מיליאן נאכפאלגער אויף זיינע סאציאלע מידיע קאנטעס.

אויסטראליע באטראכט פרישע שריט צו באקעמפן אנטיסעמיטיזם

א יאר נאך וואס דער אידישע אדוואקאט און ביזנעס עקזעקיוטיוו פון סידני, פרוי דזשילאן סיגאל, איז געשטעלט געווארן אלס די אויסטראלישער ספעציעלע שליח צו באקעמפן אנטיסעמיטיזם, האט סיגאל פארעפנטליכט א באריכט מיט א רייע רעקאמענדאציעס וואס די רעגירונג פלאנירט צו איינשטעלן צו באהאנדלען אנטיסעמיטיזם.

צווישן אנדערע וועלן אוניווערסיטעטן אין לאנד מעגליך פארלירן רעגירונג-פאנדן אויב זיי וועלן נישט אדרעסירן אטאקעס אויף אידישע סטודענטן, און אימיגראנטן ווען מעגליך אויסגעפארשט ווערן צו דערגיין זייערע פאליטישע און אנטיסעמיטישע מיינונגען.

אנטיסעמיטישע אינצידענטן אין אויסטראליע, אריינגערעכנט אטאקעס, וואנדאליזם און סטראשונגען זענען געשטיגן דרייפאכיג זינט דעם אקטאבער זיבן שחיטה, האט סיגאל געזאגט, צולייגנדיג אז איר הויפט פריאריטעט איז זיכער מאכן אז עפנטליכע אינסטיטוציעס, ספעציעל אוניווערסיטעטן, ווערן געהאלטן פאראנטווארטליך אויב זיי טוען נישט גענוג אפצושטעלן די פארשפרייטונג פון אנטיסעמיטיזם.

און וויאזוי זאגט מען 'גאגעלס' אין אידיש?
ס'האט נישט קיין ווארט אבער מלבוש האט עס.
MALBISH

חרדישע קניידל

אהל אויפבוי ביים ציון האדמו"ר מראחמיסטריווקא זצ"ל



חברה קדישא | דק"ק ראחמיסטריווקא

CONG. ARTZOS HACHAIM INC • Mailing address: 5308 13TH AVE SUITE #570 Brooklyn, NY 11204

הננו להודיע לקהל אנ"ש
שבימים הקרובים יתחילו בע"ה בעבודת
בניית האוהל הק'
על ציון המצויינת של אבינו רועינו

אין די יעצטיגע טעג שטייענדיג איידער די 'צווייטע יארצייט' פון הרה"ק בעל אמרות טהורות מראחמיסטריווקא זצ"ל האט 'חברה קדישא ראחמיסטריווקא' אנגעהויבן די בוי ארבעט אויפצובויען אן 'אהל' ארום דעם ציון, וואס וועט ברענגען הרחבת הדעת און פארלייכטערן פאר די הונדערטע אידן וואס וועלן קומען פוקד זיין דעם ציון הק' דעם יאר.

נייע ביהמ"ד פון הגרי"מ שכטר

אין די יעצטיגע טעג איז אפגעקויפט געווארן א רחבות'דיגע דירה אויף די גמול גאס אין ירושלים, וועלכע וועט דינען אלס נייע ביהמ"ד פון הגה"צ המקובל רבי יעקב מאיר שעכטער שליט"א. די מקח איז צושטאנד געקומען בנדבת לבו פון הרבני הנגיד ר' ליפא פרידמאן הי"ו זון פון הרה"ח ר' משה הי"ו משב"ק אדמו"ר סאטמאר.

דאס קומט נאכדעם וואס אין די פארלאפענע חדשים האט זיך דער משפיע שליט"א אריבערגעצויגן צו זיין נייע דירה אויף רחוב גמול און אצינד וועט אויך די ביהמ"ד זיין סטאנציאנירט הארט נעבן ביתו נאוה קודש.

כ"ק אדמו"ר **מסאטמאר** שליט"א לאזט זיך היינט ארויס אויפן וועג קיין **ניו העמפשעיר**, ווי דער רבי וועט וויילן אויף אפרו די קומענדיגע וואכן.

כ"ק אדמו"ר **מוויזניץ** שליט"א קומט היינט אן צוגאסט קיין **ניו יארק**, ווי דער רבי וועט אויפנעמען די יונגע יונגעלייט.

היינט נאכט געפאלט די **יארצייט** פון הרה"ק **רבי יעקב ארי' מראדזימין** זצ"ל - נכדו כ"ק אדמו"ר מגור שליט"א וועט דאוונען תפלת מעריב ברוב עם אין ביהמ"ד הגדול גור אין ירושלים.

היינט נאכט געפאלט די **יארצייט** פון הרה"ק **מנאראל זצ"ל** - בנו כ"ק אדמו"ר מנאראל שליט"א וועט אפרעכטן די סעודת הילולא אין ביהמ"ד הגדול סאטמאר אין שכונת זכרון מאיר בני ברק.

היינט קומט פאהר די **יערליכע 'סדר לימוד חמש שעות רציפות'** אין ביהמ"ד הגדול אין **קרית וויזניץ קיימישא**, בראשות כ"ק אדמו"ר מוויזניץ קיימישא שליט"א.

היינט נאכט געפאלט די **יארצייט** פון **הגה"ק מטאלטשאווא** זצ"ל - הונדערטע אידן וועלן פוקד זיין דעם ציון הק' אין עיה"ק צפת.

שידוכים קניידל

החתן **יוסף** נ"י בן מו"ה **יושע שווארטץ** הי"ו (וומס"ב)
עב"ג בת מו"ה **נח פישער** הי"ו (ב"פ)
שדכן **אשת** מו"ה **יעקב יודא עסטרייכער** הי"ו (וומס"ב)

החתן **אליעזר אלטר** נ"י בן מו"ה **יוסף פעלבערבוים** הי"ו (ק"י)
עב"ג בת מו"ה **מאיר הערט** הי"ו (ק"י)
שדכן **אשת** מו"ה **יואל מארקאוויטש** הי"ו (ק"י)

החתן **יעקב יונה** נ"י בן מו"ה **ישראל רובין** הי"ו (וומס"ב)
עב"ג בת מו"ה **יואל ראכליץ** הי"ו (וומס"ב)
שדכן מו"ה **יחזקאל סאנדער** הי"ו (וומס"ב)
ואשת מו"ה **יואל שטיין** הי"ו (וומס"ב)

Kneidel Inc | 2 Perlman Drive, Monsey, NY 10977
845-237-9385
If you no longer wish to receive these messages, please click Unsubscribe